# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

360 | פרשת וישב | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### טשעפענען א צווייטן האלט אפ די תפילה

"וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל אֶחָיו מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ" (לז כו)

**רבינו אפרים** שרייבט אז די ווארט 'בצ"ע' איז די ראשי תיבות פון די דריי צייטן וואס מ'דאווענט: 'בוקר, צהרים, ערב'. און אזוי ערקלערט ער די ווערטער פון יהודה צו זיינע ברודער: "מה בצ"ע כי נהרוג את אחינו" - אויב מיר וועלן אים הרג'ענען, וואספארא ווערד וועלן האבן אונזערע תפילות וואס מיר דאווענען אינדערפריה, מיטאג און ביינאכט, עס שטייט דאך קלאר אין פסוק (ישעיה א טו): "גַּם כִּי תַרְבּוּ תְפִלָּה אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ".

אין ספר **'פרדס יוסף'** שטייט אז פון דעם איז א רמז אויף די תקנה פון דער אר"י הק' מ'זאל זאגן פארן דאווענען: "הריני מקבל עלי מצות עשה של 'ואהבת לרעך כמוך'" (מג"א ריש סי' מו); "מה בצ"ע" - וואספארא ווערד האבן אונזערע תפילות, "כי 'נהרוג' את אחינו" - אויב מיר זענען נישט מקפיד אויף די כבוד פון אנדערע.

פירוש רבינו אפרים על התורה; 'פרדס יוסף' קדושים

#### 'שערי גן עדן' - אויף דער וועלט

"וַיָּקֻמוּ כָל בָּנָיו וְכָל בְּנֹתָיו לְנַחֲמוֹ וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם" (לז לה)

שרייבט דער **'כלי יקר'**:

"רש"י טייטש: 'דווקא אויף א מת איז נגזר געווארן א גזירה ער זאל פארגעסן ווערן פון די הארץ, און נישט אויפן חי וואס מען מיינט אז ער איז געשטארבן'. און דער טעם איז: דער עיקר טרייסט איז ווען דער חי טראכט אריין אז דער מת האט זוכה געווען צו די גרויסע שכר וואס איז אוועק געלייגט פאר די צדיקים, און ער האט זיך אריבער געצויגן פון א טונקעלע וועלט צו די אייביגע ליכטיגקייט... און יעקב האט געזען מיט רוח הקודש אז יוסף געפונט נישט אין גן עדן, דעריבער 'וימאן להתנחם'".

**רבי פנחס קאריצער** האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף איינער פון די צדיקים: "איך זעה אים אין גן עדן, אבער פון דעסוועגן איז ער נאכנישט אנגעקומען צום דרך האמת". איינער פון די צוהערהער וואס האט זיך געוואונדערט האט געפרעגט: דער רבי געפונט זיך דאך אין עולם הזה, וויאזוי ווייסט דער רבי וואס טוט זיך אין גן עדן? האט אים רבי פנחס געענטפערט:

"די חכמים זאגן (שבת קיט ב): 'העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן'; זיי האבן נישט געזאגט: 'יפתחו' -מיט א לשון עתיד, נאר 'פותחין', דיך צו לערנען אז נאך לעבעדיג אויף דער וועלט איז ער זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די שערי גן עדן און ער זאל קענען זען וואס עס טוט זיך דארטן. אבער בתנאי ער זאל ענטפערן 'אמן - בכל כוחו'".

'שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פ"ב

#### געבן 'הכוס' אויף די 'כף'

"וָאֶתֵּן אֶת הַכּוֹס עַל כַּף פַּרְעֹה" (מ יא)

**רבי יעקב דוב מארמארשטיין** דער נשיא 'בני אמונים' זאגט:

"הַכּוֹס" - איז בגימטריה 'אמן', "כַּף" - איז בגימטריה מאה. אויב מיר ווילן דינען דעם מלך מלכי המלכים ווי עס דארף צו זיין, דארפן מיר מקפיד זיין אויף "אֶת הַכּוֹס עַל כַּף" - משלים זיין אלע מאה ברכות מיטן ענטפערן אמן. נאך איז דער פסוק מרמז אויף וואס די חז"ל זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך"; "וָאֶתֵּן אֶת הַכּוֹס עַל כַּף" - 'הכוס' איז גרעסער פון די 'כף'.

#### 'גזירה על המת' - מ'זאל נישט דאווענען אויף זיין נשמה

"וַיָּקֻמוּ כָל בָּנָיו וְכָל בְּנֹתָיו לְנַחֲמוֹ וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם" (לז לה)

"אין אדם מקבל תנחומין על החי וסבור שמת, שעל המת נגזרה גזירה שישתכח מן הלב ולא על החי" (רש"י, ע"פ ב"ר פד כא).

מ'דארף פארשטיין: איז עס דען א 'גזרה' אז דער מת זאל פארגעסן ווערן, עס איז דאך א טובה פאר זיינע קרובים זיי זאלן זיך קענען טרייסטן?

ענטפערט **רבי דוד שפערבער** גאב"ד בראשאוו:

טאקע וועגן דעם איז רש"י מדייק מיט זיין לשון: "שעל המת נגזרה גזירה" - די גזירה איז אויפן מת און נישט אויף זיינע קרובים. ווייל די נשמה פונעם מת וויל נישט פארגעסן ווערן פון די הארץ פון זיינע קרובים, ווייל אויב מ'וועט איר געדענקען וועט מען געבן צדקה און דאווענען פאר איר עילוי נשמה. אבער הקב"ה וואס וויל נישט דעם צער פונעם מענטש, האט גוזר געווען אויפן מת ער זאל פארגעסן ווערן, צו פארמיידן צער פון זיינע קרובים.

'ארץ בנימין' עמ' פג

#### בעטן און דאנקען

"וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ" (לט ג)

"'כי ה' אתו' - שם שמים שגור בפיו" (רש"י)

די חכמים שילדערן די באדייט פון די ווערטער שם שמים **שגור** בפיו, אז בעפאר יעדע זאך האט ער געדאוונט צו ה', און נאכן ענדיגן האט ער אים געלויבט און געדאנקט, און אזוי טרעפן מיר אין חז"ל (תנחומא ח): "ער גייט אריין באדינען פוטיפר'ן און מורמולט זיך אונטער: 'רבון העולם, אויף דיר פארלאז איך מיר, דו ביזסט מיין פארזארגער, איך בעט פון דיר ותנני לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואי ובעיני פוטיפר אדוני". נאך זאגן חז"ל (במ"ר יד ג): "ער האט געלויבט הקב"ה אויף יעדע זאך וואס ער האט געטון. און זיין האר האט געזען ווי ער מורמלט זיך אונטער, האט ער אים געפרעגט: 'וואס זאגסטו?', האט יוסף געענטפערט: 'איך לויב הקב"ה'".

לייגט צו **רבי שמואל הומינער**:

אזוי דארף זיך א מענטש פירן א גאנץ לעבן - בעטן הילף פון באשעפער בעפאר יעדע זאך וואס ער טוט, און אים לויבן נאכן ענדיגן עס צו טון, און אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (ברכות י כג): "לעולם יצעק אדם על העתיד לבא ויבקש רחמים, ויתן הודיה על מה שעבר ויודה וישבח כפי כוחו".

עס ווערט דערציילט אויפן ראש ישיבה **רבי חיים שמואלעוויץ**:

נישט איינמאל - האבן זיינע תלמידים געזען - ווען ער האט זיך געפלאגט אין א סוגיא פלעגט ער צוגיין צום ארון קודש און זיך בעטן: "רבונו של עולם, איך בעט דיך באלייכט מיינע אויגן צו פארשטיין די ווערטער פון די תורה", און באלד צוריק אריינקלערן אין די סוגיא. דערנאך וואס די ווערטער איז אים קלאר געווארן, איז ער נאכמאל צוגעגאנגען צו די ארון קודש און האט געזאגט: "רבונו של עולם, איך דאנק דיך אויף דעם וואס דו האסט ליכטיג געמאכט מיינע אויגן!".

'עבד המלך'; קובץ 'להבין ולהשכיל' ח"ב עמ' שיא

#### 'יום הולדת' - איז א יום תפילה

"וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת פַּרְעֹה וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל עֲבָדָיו" (מ כ)

אנדערשט פון פרעה וואס האט געפייערט זיין געבורט'ס-טאג מיט צוגרייטן 'משתה לכל עבדיו', האבן אסאך פון די גדולי ישראל אויסגענוצט דעם ספעציעלן טאג אויף דאווענען און בעטן. דער **פאנאוויזטשער רב** האט דערציילט, אז ער האט זיך אמאל אנגערופן פאר זיין רבי'ן דער **'חפץ חיים'** אז היינט געפאלט אויס זיין געבורט'ס-טאג. האט אים דער 'חפץ חיים' געזאגט: "זאלסט וויסן אז א געבורט'ס-טאג איז א טאג וואס איז מסוגל אויף תפילה ובקשה, אזוי ווי מ'לערנט עס ארויס פון פסוק (תהלים ב ז-ח): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ - שְׁאַל מִמֶּנִּי וְאֶתְּנָה...".

האדמו"ר **רבי יחיאל יעקב פון קאזניץ** זאגט אז דער לשון הפסוק: "שאל ממני ואתנה" זעט אויס ווי א הבטחה, אז וואס מ'בעט אין א געבורט'ס-טאג ווערט זיכער אנגענומען אין הימל.

'ספרן של צדיקים' מערכת לא אות ב; 'גנזי שערי ציון' עמ' פב




## הערן גוט און ענטפערן אמן

דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט ר"ח טבת געפאלט אויס די יומא דהילולא פון איינעם פון די גדולי פוסקי הדורות רבי יאיר חיים בכרך בעל 'חות יאיר'. אזוי דערציילט דער 'חות יאיר' אין זיין חיבור 'מקור חיים' אויפן שולחן ערוך (או"ח מו ב) ווען ער רעדט איבער ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר אין שול:

**"איך האב געזען א מנהג פון עלטערע ערליכע אידן וואס זייער פלאץ אין שול איז ווייט פונעם שליח ציבור, און זיי דערנענטערן זיך צו דער וואס זאגט די ברכות, כדי צו הערן גוט און קענען ענטפערן אמן".**

ברכות השחר אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'המכין מצעדי גבר'

### 'משוה רגלי כאילות'

דער רמב"ם שרייבט (תפילה ז ו): "ווען מ'גייט ארויס אויפן וועג זאגט מען די ברכה: 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם המכין מצעדי גבר'". רבינו מנוח מנרבונה (תפילה ז ו) ערקלערט בפשטות די ווערטער פון רמב"ם, מיטן זאגן די ברכה וואס מ'האט מתקן געווען לויט דעם לשון הפסוק (תהילים לז כג): "מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ", לויבן מיר הקב"ה אויף דעם וואס ער האט באשאפן אונזערע פיס אויף אזא וועג מיר זאלן קענען גיין מיט זיי אויף יעדע פלאץ וואו עס וועט זיך אויספעלן.

ווייל מיר זענען צוגעוואוינט פון יונגווייז אן צו גיין און שפאצירן איבעראל וואו עס גלוסט זיך, קען עס אויסקוקן אין אונזערע אויגן ווי א איינפאכע פעולה, ווען נישט די חכמים האבן געעפענט אונזערע אויגן דורך די ברכה וואס מ'האט מתקן געווען, מיר זאלן זיך מתבונן זיין ווי געוואלדיג איז די חכמה וואס ליגט באהאלטן אין די מעגליכקייט פון גיין. די פיס פון מענטש זענען געבויעט אויף א ספעציעלן וועג, וואס ערמעגליכט אים צו קענען טרערטן מיט א רואיגקייט, אן זיך דארפן העלפן מיט זיינע הענט אזוי ווי די אנדערע בעלי חיים, און יעדע טריט איז צוזאם געשטעלט פון עטליכע סארט פעולות וואס שטימען וואונדערליך, פון די נערוון, מוסקלען, ביינער און געוויסע טיילן פון די קערפער, וואס זענען באשאפן געווארן צוזאמען כדי דער מענטש זאל קענען גיין אין יעדע צייט און צו יעדע פלאץ און מיט א פעסטקייט, אויך אויף שווערע און געדרייטע וועגן.

### 'לשמרך בכל דרכיך'

ווי געזאגט, די נוסח הברכה איז געבויעט אויפן לשון הפסוק אין תהלים: "מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ". עס זענען דא וואס ברענגען נאך א פסוק ווי א ראי' צו די ברכה (משלי טז ט): "לב אדם יחשב דרכו וה' יכין צעדו" (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' מט).

די מפרשים (ראה רש"י; 'מצודות דוד' ועוד) ערקלערן דעם דערמאנטן פסוק אין תהילים אז 'מצעדי גבר... ודרכו', מיינט: די אויפפירונג פון דער מענטש אויף דער וועלט ווען ער איז באשעפטיגט מיט תורה און מצוות און אויך להבדיל אין די גשמיות'דיגע זאכן. און טאקע אזוי, עס זענען דא ראשונים וואס האלטן אז אין די ברכה לויבן מיר נישט אויף די עצם באשאפן די פיס, נאר אויף דעם וואס ה' העלפט אונז וואו מיר ווענדן זיך, און אמאל אפילו אן מיר זאלן פילן. אינדערפריה, בעפאר מיר גייען ארויס פון הויז צו די ערטער וואו מיר דארפן, האט מען מתקן געווען מיר זאלן לויבן הקב"ה אויף דעם וואס ער באגלייט אונז אויף יעדע טריט און שריט און גיבט אכטונג אונזערע טריט ('אבודרהם' השכמת הבוקר וברכות השחר; פירוש התפלות והברכות לר"י ב"ר יקר ח"ב עמ' כ).

און אזוי שטייט אין פירוש 'שיח יצחק': "אויף יעדע טריט און טריט דארף דער מענטש אפגעבן א דאנק פאר השי"ת... פארן מענטש איז דאך גרייט פארשדענע שלעכטע פעלער און געשעהענישן, אזוי ווי דער פייטן זאגט: 'אין רגע בלא פגע', און הקב"ה ברוב רחמיו היט אפ זיינע טריט פון שלעכטע געשענישן".

אין 'סדר היום' (סדר ברכת השחר) שטייט אז אין די ברכה לויבן מיר אויך אויף דעם וואס הקב"ה האט איבערגעגעבן אין אונזערע הענט די כח פון באשליסן צו וועלעכע פלאץ מיר ווילן. און וועגן דעם איז ער מוסיף אז מיר דארפן אויך דאווענען אז הקב"ה זאל אוועק שטעלן אונזערע וועגן לטובה מיר זאלן חלילה נישט נכשל ווערן אין די וועג וואס מיר ווילן גיין.

### 'בכל דרכיך דעהו'

די גדולי החסידות ערקלערן אז דער פסוק: "מה' מצעדי גבר כוננו", לערנט אונז אז הקב"ה שטעלט אויס אונזערע פוס-טריט אויף דער וועלט. ווייל דער מענטש האט אינגאנצן נישט באגריף וואספארא פלאן דער באשעפער האט צוגעגרייט פאר אים, און וויפיל טריט איז באשטימט פאר אים אין לויף פון זיין לעבן, ער רעדט זיך איין אז ער גייט ערלעדיגן זיינע זאכן און געברויכן, אזוי ווי עס שטייט: "ודרכו יחפץ". אבער ער דארף איינערקענען דעם אמת אז צו יעדע פלאץ וואו אהין ער גייט איז ער געשיקט געווארן מן השמים צו א חשובע מטרה וואס ער ווייסט נישט ('דגל מחנה אפרים' מסעי; 'גנזי יוסף' שם).

דער 'חפץ חיים' לייגט צו אז פון דעם זען מיר ווי ווייט דארף דער מענטש אפהיטן זיינע פוס טריט, ער זאל חלילה נישט גיין צו א אומזינסטע פלאץ, נאר צו א דבר מצוה אדער וועגן געזונטהייט, ווייל יעדע טריט וואס ער טוהט אין זיין לעבן איז א שליח פון השי"ת ('מכתבי הרב חפץ חיים' עמ' קטו).

### 'מה' מצעדי גבר כוננו'

ווי ווייט עס פעלט אויס פארן מענטש הילף פון הימל אויף יעדע טריט און שריט, קענען מיר לערנען פון די באקאנטע ערציילונג וואס ווערט דערציילט אויפן רבי ר' יונתן אייבשיץ:

איינמאל איז רבי ר' יונתן אנגעקומען צו די קעניגליכע שטאט - וויען. אויפן וועג צו זיין אכסניא, האט אים דער קעניג געטראפן און געפרעגט: "וואו אהין גייסטו?", רבי ר' יונתן האט זיך פארטראכט אויף א מינוט און געענטפערט: "איך ווייס נישט". הערנדיג די מאדענע ענטפער איז דער קעניג געווארן אין צארן און האט באפוילן מ'זאל אים ארייגשליידערן אין ארעסט-הויז.

דערנאך וואס איז אריבער א שטיקל צייט האט זיך דער קעניג בארואיגט, און ביי זיך אין הארץ האט ער געטראכט: אזא קלוגער און געהערטער מענטש ווי דער רבי ר' יונתן וועט זיכער נישט רעדן נארישקייט. זיכער ליגט באהאלטן א טיפע כוונה אין זיין ענטפער, און עס לוינט זיך צו הערן זיין ערקלערונג. דער קעניג האט באפוילן אים ארויסנעמען פון ארעסט און אים ברענגען פאר אים. אנקומענדיג צום קעניג, האט ער אים געפרעגט: "דו האסט דאך זיכער געהאט א פלאן צו גיין אויף א געוויסע פלאץ, פארוואס האסטו מיר געענטפערט אז דו ווייסט נישט וואו אהין דו גייסט?"

"וואלט דער קעניג מיך געפרעגט, וואו איך וויל גיין", האט רבי ר' יהונתן געענטפערט זיין געלונגענע ענטפער, "וואלט איך באלד געענטפערט: 'צו מיין אכסניא', אבער ווייל דער קעניג האט מיך געפרעגט 'וואו אהין גייסטו', האב איך נישט געקענט ענטפערן נאר די ריכטיגע ענטפער - 'איך ווייס נישט!', דער קעניג זעט דאך אז איך בין נישט אנגעקומען צו מיין אכסניא, נאר אין ארעסט-הויז...". די ענטפער איז געפעלן פארן קעניג און האט אים באפרייט מיט גרויס כבוד ('פנינים מר"י אייבשיץ' עמ' תסד).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמֵּכִין** - אויף דעם וואס דו האסט צוגעגרייט און באשאפן **מִצְעֲדֵי גָבֶר** - צוויי פיס וואס דורך זיי קען איך גיין און אנקומען גרינגערהייט און באקוועמטערהייט צו יעדע פלאץ וואס איז דארף.

**אָמֵן** - אמת אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט פאר אונז באשאפן פיס מיר זאלן קענען דורך זיי טרעטן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## 'וכל מאמינים' - אן קיין יוצא מן הכלל

דער באקאנטער משפיע פון חב"ד רבי מענדל פאטערפאס זצ"ל איז געווען באוואוסט מיט זיין אויסטערלישע יראת שמים און זיין דביקות אין תורה און מצוות מיט ריכטיגע מסירות נפש.

א חשובער קאפיטל אין זיין רוחניות'דיגע לעבן איז געווען די צען יאר וואס ער איז געווען איינגעשפארט אין די רוסישע צוואנג'ס-לאגערן וואס זענען באקאנט מיט זייערע שווערע און ביטערע אומשטענדן. אויך אין די שווערע באדינגונגען וואו ער האט זיך געפונען, האט רבי מענדל נישט מוותר געווען אויף א קוצו של יו"ד פון זיינע הייליגע הנהגות.

נאך בעפאר ער איז אוועקגעשיקט געווארן צו די לאגער, ווען מ'האט אופגעליינט זיין אורטייל וואו מ'האט אים געאורטיילט צו זיין איינגעשפארט צען יאר און ארבעטן צוואנגס-ארבעט, איז ער באלד אויפגעשפרינגען און זיך געבעטן ביים ריכטער: "איך בעט פון דיר, איך בין גרייט זיצן אפילו צוואנציג יאר אין ארעסט הויז, אדער ארבעטן זעכצן שעה א טאג אנשטאט אכט שעה, אבער דו זאלסט מיך באפרייען פון ארבעטן אין שבת".

נאך וואס ער איז באפרייט געווארן האט רבי מענדל עדות געזאגט אויף זיך אז עס איז אים געלונגען אין לויף פון אלע זיינע יארן זייענדיג אין סיביר נישט מחלל שבת זיין אפילו איין מאל אויך נישט, אויך האט ער מצליח געווען נישט אנרירן זיין בארד לענגאויס אלע זיינע יארן וואס ער איז געווען אייגעשפארט.

אין די שפעטערע יארן האט רבי מענדל דערציילט פאר זיינע נאנטע א טייל פון זיין לעבנ'ס געשיכטע פון יענע שווערע טעג, ווען צווישן זיינע ווערטער האט ער דערציילט די פאלגנדע ערציילונג, ווען ער באטאנט קלאר און דייטליך אז יעדע פרט פון דעם - איז אמת, אן קיין שום גוזמא:

די ערשטע תקופה פון זיין ארעסט איז רבי מענדל געווען איינגעשפארט אין א געוויסע תפיסה, און נאר נאכדעם איז ער אריבער געפירט געווארן אין א אנדערע תפיסה. עטליכע יאר שפעטער איז ער צוריק געפירט געווארן צו די ארעסט-הויז וואו דארט האט ער אנגעהויבן זיין ארעסט. דער טאג וואס מ'האט אים צוריק געפירט צו די לאגער איז געווען ערב יום כיפור, און רבי מענדל איז געזיצן אין א ווינקל מיט זיינע ווייניג זאכן און פרובירט צו טראכטן פון די תפילה 'כל נדרי' וואס מ'דארף זאגן דעם נאכט.

די קאמעניסטן מיט זייער רשעות האבן אלעס געוואלט טון כדי צו שטערן די נארמאלע לעבן אין לאגער, דעריבער פלעגן זיי פון מאל צו מאל אפמוטשענען די ארעסטאנטן מיט לאנגע און איבעריגע אויספארשונגען. רבי מענדל האט געוואוסט אז אין דער טאג וואס ער וועט אנקומען צו די לאגערווארט אים אפ אזא אויספארשונג, און ווער ווייסט צי ער וועט שפעטער אניאגן זאגן 'כל נדרי', דעריבער האט ער באשלאסן שוין יעצט צו זאגן 'כל נדרי'.

אויפצומארגנ'ס, יום כיפור אינדערפריה, זענען די ארעסטאנטן געצווינגען געווען ארויסגיין אויף די טעגליכע 'שפאציר' וואס איז געווען איינגעפירט אין יענעם לאגער. עס איז אינטערעסאנט פארוואס מ'האט עס אנגערופן א 'שפאציר'... ווען די 'שפאציר' האט געמיינט זיך דרייען פופצן מינוט אין א רונדיגע פלאץ, ווען יעדער איינער גייט אליינ'ס אן צו רעדן א ווארט מיט א צווייטן, און אויך נישט קוקן צו א צווייטנ'ס ריכטונג. אלע האבן געמוזט גיין מיט די אויגן אראפ, און אנגעוואפנטע וועכטער האבן פון אויבן נאכגעקוקט צי די באפעלן ווערן אפגעהיטן.

יעצט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ר' מענדל האט מיטגעלעבט אזא 'שפאציר', און ער האט באשלאסן אויסנוצן די צייט צו דאווענען פאר זיך די תפילות פון דעם הייליגן טאג וויפיל עס איז אים געליגן אין זיכרון. אזוי, ווען ער דרייט זיך ארום זיך אן קיין קיין שיך, צוליב דעם הייליגן טאג, זיינע אויגן זענען אויף אראפ, און זיינע ליפן זינגען זיך אונטער דעם באקאנטן פיוט 'וכל מאמינים', האט זיך ערוועקט אין זיין מח א געוואלדיגע קשיא: "וויאזוי שריי איך אויס: **'וכל מאמינים'** אין די צייט וואס די רוסישע רעגירונג וואס האט אויסגעקריצט אויף איר פאן כפירה און מינות געוועלטיגט אויף דער וועלט, און אסאך אידן זענען נאכגעשלעפט געווארן נאך די קאמאניסטישע כפירה'שע אידאלאגיע וואס האט אויסגעריסן יעדע פונק פון אמונה פון די הערצער?"

די קשיא האט אים געלעכערט אין זיין מח, אבער רבי מענדל וואס האט געגלייבט אין די ווערטער פון די צדיקים אז קושיות אין עניני אמונה קומט פון די קליפות הטמאות, האט זיך געשטארקט עס פארטרייבן פון זיינע געדאנקען, און זיך ווייטער אונטערזינגען די הייליגע ווערטער, "וכל מאמינים", ביז די פראגע איז אוועקגעפלויגן פון זיין מח.

אכט און צוואנציג טעג האט רבי מענדל זיך אויפגעהאלטן אין יענעם לאגער, וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן אויפן וועג צו פארשיקט ווערן צו איינע פון די לאגערן אין די פארפרוירענע סיביר געגנט. נאך אכט און צוואנציג טעג, ווען עס האט זיך שוין צוזאם געקליבן אסאך ארעסטאנטן, איז רבי מענדל פארשיקט געווארן מיט נאך הונדערטער ארעסטאנטן און אין ענדע איז ער אנגעקומען אין סיביר.

ווען די ארעסטאנטן זענען אנגעקומען האבן זיי געזען אז די לאגערן וואס זיי זענען געווען ביז יעצט איז ווי א 'האטעל' אקעגן די שרעקליכע באדינגונגען וואס האט זיי יעצט אפגעווארט. פון יעצט און ווייטער האבן זיי געדארפט שלאפן עטליכע מענטשן אויף ברעטער, וואס זענען געווען געבויעט ווי דריי שטאק פאליצעס, ווען אויף יעדע פאליצע האבן זיך געדארפט צוזאמשטויסן דרייסיג מענטשן איינער נעבן צווייטן. אויף דעם וועג האבן זיך צוזאם געקוועטשט אין יעדע קליינע צימער ארום צוויי הונדערט מענטשן, וואס האבן צוזאמען געאטעמט די דערשטיקטע לופט וואס איז קוים געווען אין צימער.

ר' מענדל האט זיך ארום געקוקט און געזוכט א באקאנטן פנים. רוב פון די וואס זענען געווען אין די לאגער זענען געווען פארגרעבטע גוים, און א קליינער טייל פון זיי זענען געווען אידן וואס רוב פון זיי האבן אויסגעזען אזוי ווי גוים. ער האט זיך געדארפט שטארק אנשטרענגען ביז עס איז אים געלונגען טרעפן א אידישן פנים, אויף די העכסטע שטאק נעבן די דאך.

דאס איז געווען א עלטערער איד וואס זיין בלאסן פנים האט עדות געזאגט אויף זיין אויסערגעווענליכע שוואכקייט. ר' מענדל איז ארויף צו אים און זיך נאכגעפרעגט אויף זיין פרידן און זיין אפשטאם. דער מענטש האט דערציילט אז ער שטאמט פון די שטאט בריסק אין ליטא. זיין פאטער איז געווען א פרומער איד, אבער פון גאר יונג האט אים זיין הארץ געצויגן נאך קאמעניזעם, אז ווען ער איז אלט געווען צען יאר איז ער אנטלאפן פון זיין עלטערנ'ס הויז און זיך צוגעשטעלט צו א גרופע יונגטליכע וואס זענען נאכגעשלעפט געווארן נאך קאמעניזעם. פון דעמאלטס אן איז ער געשטיגן און איז געווארן איינער פון די הויעך-ראנגינקע אין די קאמעניסטישע פארטיי.

"שוין פופציג יאר וואס איך בין אפגעריסן פון יעדע אידישע פינק", האט דער מיטגעמאכטער איד אנפלעקט פאר ר' מענדל, "אין לויף פון די יארן האב איך געלעבט אין א גענצליכע כפירה און א וודאי אז יום כיפור האב איך נישט געפאסט. עפעס האט פאסירט און איך בין אגעקומען דא אהער צוליב אזאך וואס ווערט אנגערופן א 'פארברעך' אין די אויגן פון די קאמאניסטישע פארטיי, און אט, דעם לעצטן ערב יום כיפור, ווען איך שפאציר, צובראכן און צוקלאפט, צווישן די בודקעס פון די לאגער, איז פלוצלינג צוגעקומען צו מיר א אומבאקאנטער איד, איינער פון די טויזנטער צוואנגס-ארבייטער וואס זענען געווען אין די לאגער, און האט מיר געזאגט: "איד! זאלסט וויסן אז מארגן איז יום כיפור!".

איך האב נישט פארשטאנען פון וואו איז יענער 'אראפ געפאלן' אויף מיר, אבער די קורצע זאץ וואס ער האט געזאגט האט צובראכן מיין הארץ אויף פיצלעך. פלוצלינג האב איך זיך דערמאנט אין די גאנצע פארגאנגענהייט וואס איך האב פרובירט צו פארגעסן אין לויף פון די יארן, אידישע געפילן האבן זיך ערוועקט אין מיין הארץ און איך האב באשלאסן אז די יאר וועל איך פאסטן יום כיפור, צום ערשטן מאל אין מיין לעבן.

איך האב געדענקט אז יום כיפור איז א יום תפילה, און איך האב פרובירט זיך דערמאנען שטיקלעך דאווענען, אבער אלעס וואס איך געדענקט פון מיין יוגנט איז געווען נאר 'מודה אני' און דער פסוק: "שמע ישראל...". איך האב איבערגע'חזר'ט די שטיקלעך נאכאמאל און נאכאמאל ביז צו די ענדע פאסטונג.

ווען דער טאג האט זיך געענדיגט בין איך געווען אפגעשוואכט, אבער צופרידן. איך האב נישט געגלייבט אז אין מיין שוואכן געזונט צושטאנד וועל איך קענען מוותר אויף מיין טעגליכע ברויט פארציע, און פאסטן ביז סוף טאג".

"איך בין פול מיט הכרת הטוב פאר יענעם איד וואס האט מיר דערמאנט פון יום כיפור", האט דער אלטיטשקער געענדיגט זיינע ווערטער, "אזוי וועל איך קענען אוועק גיין פון דער וועלט ווי א גלויביגער איד...".

דער מענטש האט געענדיגט זיינע ווערטער, און ר' מענדל האט זיך דערמאנט פון די קשיא וואס האט אים געלעכערט אין זיין מח נאך פון יענעם יום כיפור... יעצט איז אים פארענטפערט געווארן די קשיא: יא יא, 'וכל מאמינים' - אפילו דער איד וואס אין לויף פון פופציג יאר האט געאטעמט כפירה, איז אים איבערגעבליבן אין הארץ א פינק פון אמונה וואס האט געווארט אויף די ריכטיגע מינוט פון הימל, דעמאלטס איז אריינגעבלאזן געווארן אין אים א רוח חיים און עס איז געווארן א גרויסע פלאם וואס האט באלויכטן זיין הארץ און אים צוריק געברענגט צו זיין טאטן אין הימל.

'שה לבית' - 'גשמי ברכה' עמ' תרלד

עיצובים shay